**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול רופט אויס גרייטקייט פון $16 מיליאן צו אנטוויקלען בייהילפיגע הויזינג**

***[פארלאנג פאר פארשלאגן](#) ארויסגעגעבן צוצולייגן 500 אויסגעשפרייטע-פלאץ בייהילפיגע הויזינג איינהייטן פאר מענטשן וואס זענען היימלאז אין ניו יארק סיטי***

***נייע איינהייטן מיט בייהילפיגע סערוויסעס וועלן זיין גרייט פאר מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייטן אויף די גאסן אדער אין די סובוועי סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופען די גרייטקייט פון ביז צו $16 מיליאן אין יערליכע שטאטישע געלטער צו אנפירן אויסגעשפרייטע-פלאץ הויזינג מיט הילף סערוויסעס פאר מענטשן וואס זענען היימלאז אויף די גאס און אין די סאבוועי סיסטעם אין ניו יארק סיטי. ארויסגעגעבן דורך די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט, וועט די געלטער העלפן אנטוויקלען נאך 500 איינהייטן פון בייהילפיגע הויזינג, וועלכע וועט דאן נעמען רעפעררעלס פון די סיטי'ס זיכערע אויסוואלן הילף גרופעס (Safe Options Support teams).

"עצט מער ווי סיי ווען, דארפן מיר אינוועסטירן אין אונזער גייסטישע העלט קעיר סיסטעם און פארבעסערן באהאנדלונג סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע האבן נישט קיין סטאבילע הויזינג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איינהייטן וועלן צושטעלן סיי א זיכערע היים פאר ניו יארקער וועלכע זענען היימלאז, ווי אויך בייהילפיגע סערוויסעס, פארזיכערנדיג אז די שוואכסטע צווישן אונז זאלן האבן די מיטלען זיי דארפן צו ברענגען סטאביליטי צו זייער לעבנס."

**אפיס פון גייסטישע געזונט קאמיסיאנער דר. ענן סאליוואן זאגט,** "אינדיווידואלן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט, דארפן אזוי ווי אלע פון אונז, א פארזיכערטע פלאץ צו לעבן אין א בייהילפיגע סביבה. די בייהילפיגע הויזינג איינהייטן וועלן צושטעלן יענע סביבה און די סערוויסעס נויטיג פאר יעדע פערזאן זיך צו רוקן פאראויס אין זייער היילונג. הויזינג אין די געמיינדע איז קריטיש צו פארזיכערן אז איינער וואס לעבט מיט גייסטישע קראנקהייט זאל לעבן א פולע און פראדוקטיווע לעבן."

אויסגעשפרייטע-פלאץ בייהילפיגע הויזינג איז צאמגעשטעלטע הויזינג וואס באשטייט פון דירות וואס געפינען זיך אין עטליכע געביידעס דורכאויס די געמיינדע, מיט יעדע איינס פארבינדן צו געמיינדע-באזירטע הילף סערוויסעס געוואנדן אויף די געברויכן פון די איינוואוינער. די ציל איז צו פלאצירן היימלאזע פארשוינען אין א פלאץ וואו זיי קענען וואוינען אין אן אינדעפענדענט פלאץ און זיך אינגאנצן איינגלידערן אין זייערע געמיינדעס. די געלטער ווערט צוגעשטעלט דורך עמפייער סטעיט בייהילפיגע הויזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative (ESSHI.

די אויסגעשפרייטע פלאץ איינהייטן וועלן צולייגן צו די ארבעט וואס גייט אן דורך די זיכערע אפציעס הילף גרופעס (Safe Options Support teams), וועלכע ארבעטן מיט אינדיווידואלן וואס האבן א היסטאריע

פון גייסטישע קראנקהייט און/אדער סובסטענס באנוץ דיסארדער. די מאלטידיציפלינערי גרופעס האבן איינגעשריבן 554 היימלאזע פארשוינען אין קריטישע צייט אינטערווענציע סערוויסעס ( Critical Time Intervention services), פלאצירנדיג 176 פון זיי אין צייטווייליגע הויזינג. הויזינג שטאב וועלן מוטיגן און העלפן איינוואוינער צו אנטוויקלען געמיינדע הילף, נוצן געמיינדע ריסארסעס, און זוכן אן אינדיווידואלע וועג צו היילונג.

אפליקאנטן מוזן אנטוויקלען כאטשיג 15 איינהייטן און קענען זיך איינגעבן פאר געלטער צו אנפירן ביז צו 60 איינהייטן. די פארלאנג פאר פארשלאגן באשטימט א יאנואר 30 דעדליין זיך איינצוגעבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418